STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05034

# MAYN LOGL FUN PAYN

Yidl Zinraykh

*Permanent preservation of this book was made possible
by Dorothy S. Latiak
in memory of
Morris & Goldie Saperstein*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יודל זינרייך

# מיין לאַנגל פון פיין

יידל זינרייך

# מיין לאָגל פון פיין

פאַרלאַג יידיש בוך וואַרשע

1968

I. ZYNRAJCH

# MOJA MIARKA CIERPIENIA


רעד ד. ספאַרד

Red. D. SFARD

הילע פּראָיעקטירט ר. כוואָלעס

Okładkę projektował: R. CHWOLES

Printed in Poland

Wydawnictwo „IDISZ BUCH” Warszawa, Nowogrodzka 5

Ark. druk. 4, ark. wyd. 4, Papier rotograwiurowy III kl., 61 × 86, 80 gr.
Nr zam. 386 — N-18, Nakł. 1600 egz. Druk ukończono w maju 1968 r.
Prasowe Zakł. Graf. RSW „Prasa”, Warszawa, Al. Jerozolimskie 125/127

די לידער־זאַמלונג „אַ לאָגל פון פיין“ איז דאָס ערשטע ביכל פון י. זינריך, וועלכער לעבט אין פוילן. די לידער זענען מערסטנטייל געווידמעט דער תפיסה־טע־מאַטיק פון פאַרמלחמהדיקן פוילן און געטאָ־טעמאַטיק.

## דערינערונג

אַ מאַי־הימל אין אײַזן־ראַם פֿון קראַטעס,
ווי אַ טאַשנטיכל גרויס — צונויפֿגעלייגט אין פֿירן.
אַ צאַרטע האַנט בײַם פֿענצטער פֿלאַטערט
צום געזעגענען זיך, ווען דער צוג וועט רירן.

בײַ דער שקיעה ווײַט
אויפֿן ברעג פֿון גרינעם וואַלד
וויגט דער ווינט אַ בלאָע קלייד —
דאָס איז זי, מײַן טרוים־געשטאַלט.

אויפֿן אַקסל פֿון מײַן חבֿר ווי אויף אַ לייטער
מײַן האַרץ צום הימל פֿלאַטערט,
רײַסט זיך ווי אַ הונט פֿון קייטן
און שלאָגט זיך טעמפּ אָן אין די קראַטעס.

דער חבֿר שרײַט: סכּנה!
עס קלאַפּט אין טיר די תּפֿיסה־וואַך —
כ׳שפּרינג אַראָפּ פֿון דער לבֿנה
און לאַנדע ווידער אין דער נאַכט.

## אין דער „דעפּע“

אויף הינטן פֿאַרדרייט מיינע הענט,
צוויי לאַפּעס אָטעמען מיט נאַכט אויף מיר.
די נאַכט האָט פּראָסטיק מיין האַרץ פֿאַרקלעמט,
ווי אין ארון מיין יוגנט פֿאַרשפּאַרט.

ווען מען האָט מיך אין „דעפּע“ געפֿירט,
כ׳האָב פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָרט מיך וואַרט.
אַ געפֿערלעכן סוד כ׳טראָג אין מיר
פֿאַרשלאָסן אויף טויט אין מיין האַרץ.

איך וועל דאָס האַרץ מיינס נישט לאָזן פֿאַרוווּנדן,
ווי אַ פֿאָן וועל איך טראָגן דורך גרוילן מיין שווייגן.
מיט אותיות־בליצן כ׳האָב ווענט אָנגעצונדן —
דאָ וועלן ברידער, חברים פֿאַרבייגיין.

1934

## ערשטער מאַי אין תפיסה

די נאַכט וועקט איבער זיך פון שטילע „מאָרזע"־רייד,
און ווענט מיט ווענט גייען זיך צוזאַמען:
באַגין,ביים ערשטן גלאָק, זייט, חברים, גרייט
צום הארבן קאַמפּס־עקזאַמען.

עס רוישט דער וואַלד און רייסט די צוימען
פון די תפיסה־שאָטנס, וואָס פאַרגיסן אים ווי בליי.
די ביימער צינדן אָן שוין זייערע פאַרגעלטע קרוינען
אין רויט־צעבליטן מאָרגן פון דעם ערשטן מאַי.

אין קאַמער שניידט אַריין זיך אַ רויטע שיין.
די קראַטע ציטערט אויף ווי אַ צווייג אין פייער.
עס פלאַטערט אויף דער פּורפּור־אָפּשיין
פון ווייטע פאָנען אויף דער ערד דער פרייער.

אַ קאָקאַרדע, ווי אַ הייסער גאָם בלוט,
פלאַמט אויף אויף יעדנס ברוסט.
עס שאַלן אויף די קאַמערן —
יעדע קראַטע אַ זוניקע סטרונע.

נאָר אָט שפּרינגען אויף די תפיסה־טירן —
אויף דער שוועל בלייבט שטיין פאַרשטייפט די וואַך.
פון זייער אָטעם הייבט אָן די לופט צו פרירן,
פון זייערע שאָטנס ווערט אין צעלע נאַכט.

## דער אינוואַליד און די טויבן

ווייסע, גרויע און טונקעלע טויבן
האָבן אַרום מיין קוליע און שטעקן.
זיי דרייען די קעפּלעך, קוקן אין די אויגן, —
צי בין איך געקומען זיי דאָ צו שרעקן?

כ׳בין נישט קיין סטראַשידלע, ליבינקע טויבן,
כ׳וואָלט גערן מיין האַרץ אייך ווי אַ ברויט צעברעקלט.
ווען דער טויט וועט קומען מיינע רעשטן רויבן,
זאָל ער טרעפן אַ ליידיק שווין זעקל.

די שוואַרצע פייגל פון אַ גרויזאַמער שלאַכט
פון מיינע אויגן האָבן אויסגעפּיקעט די שיין;
אונטער מיין טראָט וויגט די ערד זיך אָן מאַכט,
פון מיין היים נישט געלאָזט אַ שטיין אויף אַ שטיין.

אַז מ׳לעבט אין אַ וועלט פון אָרעם און רייך,
וווּ איינער בויט, דער צווייטער פאַרוויסט,
וווּ דער אמת גייט קרום, דער שקר — גלייך, —
מוז איך טאַנצן אויף הילצערנע פיס.

זילבערנע ברעקלעך דער טאָג מיר וואַרפט צו —
פון זיי מיין קאָפּ שוין גרוי איז.
ווער מיט רחמנות טוט מיין לעבן פאַרשוואַרצן,
ווער מיט מיין האַרץ שלאָגט כפרות.

טאָ זאַמלט אייך, ווייסע און טונקעלע טויבן
אין קרייז פון מיין וויסטן שאָטן;
כ׳וועל אייך מיין האַרץ ווי אַ ברויט צעדרויבלען,
ווייל איר וועט עס קיינמאָל פאַראַטן.

צעטראָגט עס ווי קלאַנגען פון אַן אַליאַרם-געשריי
איבער דעכער, גאַסן און פלעצער.
די שפּראַך פון בענקשאַפט נאָך פאַרשפּילטן מאַי
פאַרשטייען מוזן מענטשלעכע הערצער.

## ווי אַזוי

ווי אַזוי זיך, פרילינג, מיט דיר פרייען,
מיט דיינע העלע רוימען,
ווען מיר טאָרן נישט פאַרזייען
אונדזערע פרייהייט־זוימען?

ווען דורך קראַטן קוקסט צו מיר,
ווי אַזוי דיך היים באַגריסן,
אַז די וואַך דאָרט ביי דער טיר
דראָט מיין בלוט פאַרגיסן?

ווען איך הער די פייגל זינגען
פרייע וואַלד־געזאַנגען,
פייפן דאָ די קראַנקע לונגען
און פאַרטויבן קייטן־קלאַנגען.

1936

## מיין הײמלאַנד

גוט איז מיין הײמלאַנד איצט אין פרײדן דערמאָנען,
ווען דײן זון פלעגט אַמאָל מיר ווי אַ שטיף־מאַמע שײנען,
מײנע טעג זענען געפאַלן ווי באַזיגטע פאָנען
און מײנע נעכט ווי באַריקאַדן פון הונגער־הײמען.

דײן ווײסער הערב־אָדלער הינטער תפיסה־וואַנט
צוגענאָגלט אויף גראַנאַט־מונדיר פון דער וואַך,
ווי פראָמעטײ צוגעשמידט צו פעלזן־שטײן פון שאַנד
פאַר זײען ליכט־זוימען אין דײן לאַנגער בלינדער נאַכט.

אָבער דײנע זין און טעכטער אויף מאַרטירער־וועגן צעזײטע
האָבן די פענער געפונען — זײ ווי אוצרות אויפגעקליבן
און אויף רויטע טעג פון שלאַכטן נאָענטע און ווײטע
דײן אויסלײז־רוף אויף זײ פײערלעך געשריבן.

אויף באַריקאַדן־שטײנער פון פאַריזער קאָמונע
האָט דײן „וואַרשאַוויאַנקע״ זיך מיט בלוט אײנגעקריצט;
און אין די שטורעם־טעג פון אָקטיאַבערסקע פאָנען
האָט דײן אָדלער־פאָן ווי ליכט־שײן געבליצט.

און איצט ווען אַ נײע אָדלער־זון שפּאַנט אויף דײנע דעכער
און גיסט אָן די שויבן ווי בעכער מיט מאָרגן־שײן,
וועט אויך נישט פעלן אין דעם יום־טוב מיין אַלטער בעכער,
ווי מײנע טרײע מאָזאָלן אין דײן נײעם אויפגײן.

## דריי אוצרות

שטום בלייבן די רעדער, דער צוג שטעלט זיך אָפּ,
אין הארץ טוט אַ שניט די לופט פון מיין שטעטל,
כ׳שטעל דעם פוס אויף מיין היימערד אַראָפּ —
כ׳האָב שוין אַלץ דאָ פאַרשפּעטיקט.

די בענקשאַפט, אַ היימלאָזער הונט,
לויפט מיט אָפענעם מויל מיר אַנטקעגן,
נעמט מיך אָן פאַר דער האַנט, ווי אַ בלינדן אַ קינד,
און פירט דורך פאַרלאָשענע וועגן.

אויף יענער זייט שטעטל, ביים סאַמע ראַנד,
שטעלט אָפּ מיך אַ גרויליקע חורבה:
אין אַש דאָ פאַראַקער דיין האַנט,
עס ליגן דאָ אוצרות באַגראָבן.

דאָס ערשטע, וואָס כ׳האָב אויפגעזוכט —
אַ חנוכה־לאָמפּ מיט אכט רערן בלינדע.
כ׳וועל וועקן פונסניי אין זיי ליכט
מיט דעם פייער פון אייגענע ווונדן.

דאָס צווייטע — דער בעכער פון טרערן צו ברענגען די גאולה,
וואָס אומזיסט האָבן זיידעס געגרייט אַזאַ צייט.
כ׳וועל איצטער זיין ברעג איבערפולן
מיט געלייטערטן בלוט פון מיין ערדישן שטרייט.

און ס'דריטע, דאָס פֿידעלע אַלטע כ'האָב דאָרטן געפֿונען
אָן סטרונעס, פֿאַרלאָשן און שוואַרץ.
עס זאָל ווייטער דעם גאָלדענעם ניגון אונדז שפּינען,
כ'בין גרייט דעם צו שענקען מײַן האַרץ.

דריי אוצרות געטרייע —
זיי האָבן אונדז דורות אין חושך געשײַנט.
וועלן מיר איצט זיי באַנײַען,
זיי זאָלן אונדז לײַכטן אויך הײַנט.

## מיין היים בין איך אַליין

כ׳בין געשטאַנען ווי אַ חורבה אויף שייד־וועגן פון קריג,
ווען דער מאַי האָט אויסגעשאַלט מיין אויסגעבענקטע שעה.
כ׳האָב ווי פאַרטויבט געקוקט מיט חשד אויף צוריק:
צי איז וואָר, אַז איך, אַ ייד, בין ביים לעבן ווידער דאָ?!

כ׳האָב געפּרוווט אַ ליבן שמייכל טאָן צו קינדער,
נאָר ס׳האָט געשראָקן נאָך אַלץ מיין פּנים מיט גרויל־אַש
פאַרשאָטן.
זיי האָבן אויסבאַהאַלטן די אויגן, מיט נייעם ליכט צעצונדן,
עס זאָל נישט פאַלן אויף זייער פרייד מיין בלינדער ווייסטער שאָטן.

יונגע ווינטן זענען אָנגעלאָפן מיט זון־צעשיינטע בעבער,
אריינגעשלעפּט מיך אין דער ראָד פון אַ טאַנץ־קאָראָהאָד;
טרייסל אָפּ די מאַסע די שווער־בלייענע פון נעכטן,
רייס אָפּ פון קברים־אייז דיין יונגן לעבנס־טראָט.

ביז געקומען זענען יונגע, טרייע בויער,
שלום־עליכמדיק ארויפגעלייגט אויף מיר די הייסע הענט,
אַראָפּגעריסן פון מיין פּנים דעם אַש־שלייער פון טרויער
און כ׳האָב דערשפּירט די מאַמע־ערד, מיין פונדאַמענט.

די קראַפט פון הייבן בערג, אייזן, ליים און ציגל, —
און אין זיי די היימישקייט פון אַלטע, פרישע ווענט.
און ס׳האָט מיין האַרץ צעוויגט זיך ווי דאָס קינדער־וויגל
אונטער ווייסע טויבן־פליגל פון מאַמעס צאַרטע הענט.

ווי אַ פֿאָטער זיינע קינדער כ'בענטש יעדן טאָג די הענט,
כ'בעט ביי זיי נישט קאָרגן קיין אייזן, ליים און ציגל,
פֿאַר יעדן שטיין צעשטויבטן, פֿאַר יעדער טיר פֿאַרברענט —
זאָל אַ נייער שטאָק צו דער מאָרגן־הייס אויפֿליגלען

און אויפֿן סאַמע העכסטן שפּיץ, ביים ראַנד פֿון דאַך,
זאָל אַ וואַך־טורעם זיין, וווּ מיין זכרון־לאָמפּ זאָל שטיין,
און איך זאָל יעדע נאַכט אַרויסגיין אויף דער וואַך
מיט מיין שווער־געפּרוווט כלי־זין — ס'יידיש ליד.

## אויפֿן וועג פֿון מײַן זכּרון

כ'בין דער טרייער פּאַסטעך, וואָס זוכט לעבעדיקע שפּורן —
די פֿאַרלוירענע שאָף זענען די יאָרן מײַנע.
כ'פֿרעג יעדן טײַך, יעדן בוים, יעדן דאָרן —
ווו זענען זיי? נאָר ס'ענטפֿערט נישט קיינער.

אין אַפּריל יעדעס יאָר אַקערט אויף מײַן זכּרון,
ווי דער אַקער דאָס פֿעלד, און וואַרפֿט אַרויס ווידער ביינער.
צי בין איך דאָס רעשטל פֿון פֿאַרלוירענע יאָרן
פֿון קרומגעהויקערטע גאַסן, פֿון פֿאַרטיליקטע היימען?

רוף איך אַרויס פֿון ווײַטן נאַכט-קאָשמאַר
ליבע געשטאַלטן פֿון שטילע היימישע שטיבער:
דעם סופֿר דעם פֿרומען און זײַן זון דעם בונטאַר,
וואָס האָט געצונדן די וועלט מיט שײַן פֿון אָקטאָבער.

כ'געדענק אים דעם יאַט פֿון יאָרן קוים דרײַ,
ווען ער האָט מיט קינדער-צײַנדלעך זיך געצויגן צו דער
מאָרגן-זון —
זי האָט דאַן אים געררייצט, ווי אַ געלעכץ פֿון אַן איי,
וואָס די מאַמע פֿלעגט געבן, ווען ס'פֿלעגט עפּעס וויי טאָן.

שפּעטער האָט די זון מיט אַ ווײַסן וואָלקן זיך פֿאַרמישט,
באַזאַלצן דעם טאָג מיט הונגער-טעם
און אים אויסגעזען ווי אַ לעבל ברויט בײַם גביר אויפֿן טיש,
קײַלעכדיק פֿריש נאָרוואָס פֿון פֿלאַם.

דערנאָך, ווען מיט ברידער פון נויט
ער איז אין גאַסן אַרויס אויף הונגער-געשריי,
האָט די זון זיך צערויכערט מיט פאָנען-רויט
אין נעפּלען פון בלוט און רויכן פון בליי.

ביז מען האָט אים אָפּגעטיילט מיט דער געטאָ-וואַנט,
פאַרבאָטן מיט זון יעדן פרייען פאַרקער,
און זי האָט אים געזעגנט ביים לעצטן ראַנד,
ווי אַ גרויסע בלוטיקע טרער.

* *
*

זיין פאָטער דער סופר איז געזעסן מעת-לעתן און געשמאַכט
אויפן בוידעם-שטיבל פון דער אַלטער שול,
ווי משה אויפן באַרג סיני אין די הימלען פאַרמאַכט,
גרייטנדיק דאָס גרויסע געשאַנק פאַר ציון-ישראל.

די ערד אַרום רייסט, די הימלען זיך שפּאַלטן,
די וועלט פון בראשית גייט אין פייער פאַרלוירן.
ער פרוווט אין גרויסן טלית די אויגן באַהאַלטן,
ווי אונטער שוץ-פאַרטעך פון בורא,

אָבער גליאיקע נאָדלען ברענען זיין טראָט,
פייער-שלאַנג צום פאַרמעט גיריק זיך ציען
צו פאַרברענען די צען געבאָט —
די ליכטיקע קנופּן פון מענטשלעכן קיום.

אין שיין פון פייער פון דער ברענענדיקער שול
זעט די שטאָט אויס געקאָרטשעט, ווי געטריבענע שאָף.
עס דונערט די בייטש פון שטאָל
איבער געבראָכענעם רוקן, ווי א בייזע שטראָף.

טעג פֿאלן ווי לוחות אין בלוטיקן שטויב,
ווי מעכטיקע זיילן פֿון אַ סדומישער שטאָט —
אַלץ וואָס געשריבן איז מיט ווייסער פֿען פֿון אַ טויב,
ווערט געשטראָכן מיט אייזן פֿון שטעכיקן דראָט.

און ס'שווייגן די פּאַרמעט־הימלען פֿון ירושלים,
און עס שווייגן די קרייצן פֿון רוים,
ווען אין בלויע טויערן פֿון ריינקייט שפּייען
שוואַרצע קוימענס אַשוויענטשימער מיט בראַנדיקן שוים....

## באַפרייטע מערדער

בערג אוישוויצער האָבן עדות געבראַכט אויף זיך,  
אין אָנבליק פון מערדער האָבן ווונדן ווי מיילער אויפגעריסן,  
נאָר די שופטים האָבן נישט געפונען דאָס אמתע געוויכט  
און געוואָרפן אויף דער וואָגשאָל זייער גראָשנדיק געוויסן.

אומהיימלעכע שאָטנס האָבן געשפּרייט זייערע ריכטער־טאָגעס,  
הינטער זיי ווי אין אַ בונקער האָט זיך באַהאַלטן זייער נעכטן  
און עס האָבן דאָרט געלויערט פאַרבאָרגן  
די גרוילן פון אוישוויצער פאַרברעכן.

פון דער זעלבער נאָרע, פון די זעלבע נעסטן  
געקומען זענען די פאַרברעכער און זייערע געניטע אַדוואָקאַטן  
דעם אָפּגרונט פון ים מיט אַ צענטימעטער צו מעסטן;  
טויזנטיאָריקע ווונדן מיט גראָשן־פעדעם פאַרלאַטען.

די מאַי־לופט האָט זיך געוואָרגן מיט גרויל־געלעכטער,  
אומזיסט האָט געוויגט זיך אין ווינט דער תליה־שטריק —  
פון געריכט האָט זיך אומגעקערט אַ מיליאָנמאָליקער פאַרברעכער  
צום אַלטן חלום פון פירערס בליץ־קריג.

אַ חשובער גאַסט ביי די רייכע טישן פון זיין לאַנד  
ציט זיינע ווערטער ווי שטעכיקן דראָט,  
ווייזט יעדן זיינע הענט אָפּגערייניקט פון זשאַווער־בראַנד,  
כאָטש ס׳שרייט פון זיי אַראָפּ דיין קינדס אומשולדיק בלוט.

ס׳גאָלד וויינט אראָפּ פון זיינע לאַנגע רויב־פינגער
מיט שטיינערנע טרערן און בלוטיקן טוי;
אויף זיין האַנט דאָס חתונה־רינגל
פון דיין פאַרגאַזטער פרוי.

ער לאַכט מיט א פול מויל אנטבלויזטע פרעמדע ציין
אויסגעהאַקטע פון דיינע געשאָסענע ברידער.
אָ, די אוישוויצער וועלט פון „לית דין ולית דיין"
דאַרף זיין מלאכה שוין ווידער.

זע, זיינע צוויג־ווייבער — די וויסהאָריקע קעפּ —
באַהאַלטן זייער זקנה אונטער זיידענע פּריזורן;
עס שרייען אַרויס פון זיי דיינע שוועסטערס צעפּ
אָפּגעשניטענע צוזאַמען מיט זייערע יונגע יאָרן.

אויף דיין קלעזמערס פידל שפּילט ער א יידישע נגינה,
פּירט דעם סמיק ווי אַ חלף איבער זיין געביין,
און ס׳קלאָגן די סטרונעס, ווי עס זאָל זייער לעצט בלוט אָפּרינען,
און די קלאָג קוויקט אים ווי אַלט־דייטשער וויין.

*     *
*

טעג ווי וואַגאָנען מיט ברענשטאָף געלאָדן
שניידן אריין זיך אין האַרץ פון דער נאַכט,
פּראָסטיקע ווינטן רייסן די לאָדנס
און אויףביימער שרייען אַלע בלעטער: מענטש, זיי וואַך!

## די שופטים טראַכטן

כ׳שיק מיין צאָרנדיקן שפּיי
צו דער שרעק-מומיע אין גלעזערנעם ארון.
אין זאַלץ פון גיריקייט ליגט ער איינגעזייט,
אים זאָל נישט הערלאַנגען הייסער דעך פון שטורעם.

דריי חדשים און טעג ט׳ווידער געגרוילט די וועלט
אַרום באַוואַכטן ארון מיט די גלעזערנע ווענט.
סקעלעטן-טעג ווי עדות האָבן צום דין זיך געשטעלט,
געטראָגן שוואַרצע אייכמאַן-זיגלען אויף טויטע הענט.

ווי אַ וואַלד צעברויזט האָט דער זאַל זיך,
יעדע צווייג האָט צאָרן געשפּיזט אויף דער שטייג.
שופטים האָבן דינים ווי שווערע שטיינער געביילט,
אויף א רעכטן פּסק-דין אַ פאָלק האָט געוואַרט.

אַנטשווויגן אין דערוואַרטונג שטייט פאַרגליווערט ישראל.
זיין שופט איז געגאַנגען זיך געדולדיק פאַרטראַכטן.
שטילט איין דעם געמורמל פון טרערן אין טאָל. —
זאָל דיין תלין אין שטייג פון דיין שוואַכקייט נישט לאַכן.

אין דרייצן-שעהיקן גרילצן פאַרפלאָכטן די שולד,
זי וויגט זיך דערווײַלע אין ווינט ווי אַ תליה.
נאָר לאַנג טראַכטן דאַרף מען, מיט רואיקן געדולד,
צי דער שטריק געניג שטאַרק זיין האַלדז צו פאַרציען.

## זיין לעצטער וועג

### קאַרטשאַקן און זיינע קינדער

די אור־אַלטע לעגענדע גייט איבער פון דור צו דור
אין איר געהייליקטן פאַנצער פון שטייפע פאַרמעט־קליידער.
פון איר ווערט די וועלט מיט פרומען ציטער געוווירר:
— אברהם אבינו פירט זיין זון ווי א שעפס צו דער עקדה.

ווען ער האָט אים געבונדן, דעם קרבן־שייטער צעלייגט
און דאָס מעסער אויף פאַרשטיינערטן האַרץ געטאָן שאַרפן,
האָבן מלאכים אין הימל וועלטן איינגעלייגט,
געשליידערט אין פייער זייערע געטלעכע האַרפן.

האָט גאָט אויפגעציטערט און באַפוילן באַלד האָט ער
דאָס מעסער פון קרבן־זון שנעל אָפּצוקערן,
ווייל הייליקער פון זיין געבאָט איז די ליבע פון פאָטער
און די ווייען פון א מוטער ביים קינדס געבערן.

דאָך די אַלטע לעגענדע בלייבט ווי חלב־ליכט,
ווען דער מאָרגנשטערן גייט אויף ביים ערדישן ברעג;
די שטערן־קרוין פון הימל בלייבט פאַר מענטשן־געזיכט,
וואָס איז געוואָרן א ליכט־זייל אין וועלפיש געשענדעטע טעג.

נעמט איצט מלאכים די האַרפן, הייליקסטע סטרונעס צעוועקט —
צו דער גרויל־עקדה באַגלייט א פּראָצעסיע פון קינדער.
זייער פאַסטעך, וואָס האָט זיי מיט ליבע צום לעבן געפּלעגט,
איצט גרייט איז צו שטאַרבן פאַר יעדן קינד באַזונדער.

זײַנע משהלעך, שלמהלעך, יאָסעלעך שפּאַנען.
זײ װײַנען נישט, פֿרעגן נישט, שפּאַנען שטילינקע באַרואיקט,
װי אײַנגעװיגטע אין אַ חלום מיט צאַרטער האַנט פֿון אַ מאַמען,
װאָס װאַרט דאָרט מיט אַ שמײכל, מיט אַ קריגל מילך און ברויט.

האָט דאָך צוגעזאָגט דער לערער פֿירן אין גאָלדענעם לאַנד,
איז געקומען איצט די שעה אויספֿירן זײַן שליחות.
ער טראָגט מיט ליבע־ציטער ס׳ייִנגסטע קינד אויפֿן האַנט,
װי משה האָט געטראָגן פֿון הייליקן באַרג די לוחות.

אין שײַן פֿון זון בלאַנקען מעסערס און בייזע הינטישע צײן,
װעלפֿישע אויגן — די קנעפּ אויף שװאַרצע מונדירן,
פּנימער — שרעק־מומיעס װי אויסגעהאַקטע פֿון שטײן,
מיט הערצער װי שטומע, לאַנג־צעפֿרעסענע קברים.

פֿון דעם געשפּענסטן־קרײַז שנײַדט אַ בלײַענע קעלט,
און קינדער פֿרװון זייער גורל אין לערערס אויגן געפֿינען.
נאָר דער לערער װי מיט פֿליגלען פֿאַרשטעלט
דעם לעצטן ראַנד פֿון פֿאַרקוילטע שוין זונען.

קומען דאַרף מען אַהין װי העלדן נאָך אַ שלאַכט
אין אויסגעטרוימטן קעניגרײַך פֿון דער קינדער־מדינה;
אין גאָלדענעם לאַנד, װאָס ליגט אויף יענער זײַט נאַכט,
מיט אַ לויטערן הימל פֿון אייביקן באַגינען.

לאָגלען פֿולע מיט שרעק װערן בײַ קינדער די אויגן,
װאָס נעענטער עס װערט די שװעל פֿון זייער לעצטן ראַנד.
דער טויער פֿון זייער לאַנד — דער קאָלירטער רעגנבויגן —
טראָגט זיך צו זיי װי אַ פֿלאַם־פֿײַערדיקע שלאַנג.

קינדערס אויגן װערן גרעסער, קינדער־אויגן װילן פֿרעגן
װאָס דאָס מויל װיל נישט זאָגן, כאָטש ס׳האַרץ טוט שרײַען —
מיט מיליאָנען גרינע בלעטער פֿון ביימער בײַ די װעגן
שרײַט צו זיי דער װינט מיט לעצטע ערדס געװייען.

גלויבן נישט די קינדער דעם פלוידער־זאַק דעם ווינט
און טרייבן אים פון זיך צו אַלדע פוסטע רוימען.
ס׳האַרץ אָבער ווערט גלאָז מיט פראָסט־בלומען פאַרשפינט,
דער ווינט פרירט איין די לעצטע טרוימען.

— וואָס שווייגט איר, קינדער! — רופט דער לערער —
לאָזט נישט פאַרפרירן דאָס ליד אין קעל
דאָס איינציקע וואָפן וואָס מיר פאַרמאָגן לאָזט הערן,
צערייסט איוף שטיקער די נאַכט מיט אונדזער לעצטן אַפּעל.

*       *
*

פון טרעבלינקע קומען רויך־זיילן,
קנוילן זיך פון צאַרן און קורטשען זיך אין ווייען —
מאַמעס איינגעהילטע אין שוואַרץ־רויכיקע וואַלן
טראָגן אויס אין די רוימען דער ערדס פאַרקילטע געשרייען.

די מאַמע רחל שטייט פאַרשטיינערט, אין רויך־שלייער איר
געזיכט,
אויפן באַרג סיני פון אַש פון אירע פאַרברענטע קינדער.
זי איז נישט געקומען מער פאַר גאָט בעטשן דאָ ליכט,—
זי איז געקומען בעטשן דאָס פייער פון נקמה־וואָפן צעצינדן.

נעמט, מלאכים, די האַרפן די געטלעכע און באַגלייט
צו דער גרויל־עקדה די הייליקע פּראָצעסיע פון קינדער.
זייער פאַסטעך, וואָס האָט זיי צום לעבן פון מאָרגן געגרייט,
גרייט זיך איצט שטאַרבן פאַר יעדן קינד באַזונדער.

זיינע ביינער ווי א שייטער זיך צעצינדן
מיט הייליקן פייער, ווי מיט פלאַמיקע פליגל.
ס׳לעצטע מאָל ער נעמט אַרום די טויטע שוין קינדער —
זייער לעצטן שלאָף מיט זיין גרויסן חלום פאַרוויגן.

# טרעבלינקער שטיינער

כ׳שפּאַן פֿאַרגליווערט דורך שטיינערנע אַלייען,
ווי דורך שוואַרצע שטאַמען פֿון וועלדער פֿאַרברענטע.
אונטער זיי פּלאַצט די ערד פֿון לעצטע געשרייען
פֿון דערוואָרגענע העלדזער, פֿון היימען פֿאַרלענדטע.

כ׳בלייב שטיין ביי א טונקעלן רויען שטיין,
ווי ביי פֿאַרשלאָסענער טיר פֿון גאַז־קאַמער;
כ׳הער פֿון זיין טיף מיין אייגן לעצט געוויין,
מיין רוף צו וועלט פֿון פֿעלז אויסגעהאַמערט.

כ׳זע אין פֿלי פֿאַרשטיינערט מלאכישע פֿליגל,
איין פֿליגל איינגעבראָכן, דער צווייטער צום הימל פֿאַרשפּיצט.
כ׳קוק אין דעם שטיין ווי אין פֿאַרלאָשענעם שפּיגל,
וו מיין האַרבער גורל איז פֿון שטיין געשניצט.

שטיינער! שטיינער! שטיינער!...
א גרויזאַמער שטיינערנער פּראָנט.
ס׳פּלאַצט די ערד אין מאַרש פֿון די ביינער —
א פּראָנט פֿון עדות, וואָס משפּט און מאָנט.

## שפּילט, קלעזמאָרים

קומט, קלעזמאָרים, מיין חתונה שפּילן,
אפשר די לעצטע יידישע חופּה אין שטעטל,
איידער דאָס מעסער אין האַרץ וועט פאַרקילן —
קומט שנעלער, קומט, נישט פאַרשפּעטיקט.

דריי יאָרן אין בענקשאַפט געגאַרט,
דעם כלה־שלייער זיך קוים דערלעבט,
דעם שענסטן חלום פון מיין האַרץ —
כ׳האָב אים מיט ליכטיקע פעדעם געוועבט.

איז ער זייבער־ווייס, ווי ערשט־געפאַלענער שניי,
שטערנגט אים געהיט נישט צו פאַרפלעקן,
נאָר אין לבנהקער שיין פון מיין גאָלדענעם מאי
נישט אים איז באַשערט מיין קאָפּ צו פאַרדעקן.

צערייסן אויף פּאַסן כ׳האָב געמוזט מיין שלייער —
מען דאַרף באַנדאַזשן, נישט שלייערס אַצינד.
אָט ליגט מיין באַשערטער מיט ווונדן אין פייער
און זיין לעבן שנעל־פליסיק אנטרינט.

אין לעצטן וועג ציען רייען נאָך רייען —
דאָס שפּאַנען אַלע מיינע מחותנים.
שפּילט זיי, קלעזמאָרים, שפּילט זיי מיט פייער!
ביזן לעצטן צאַפּל פון סטרונעס.

זעט, שפּינען זאַמלען שוין ווידער דאָס סדומישע פייער
צו דערוואַרעמען ביים מערדער די פאַרגליווערטע הענט,
וואָס האָבן צעריסן מיין ליכטיקן שלייער
און מיין מוטער־שוים בלוטיק פאַרשעמט.

טאָ, נישט רייצט מער די וווּנדן!
כ׳וויל לעבן דעם תלין להכעיס!
און כ׳פיר היינט צו דער חופּה מיינע טויטע קינדער,
וואָס אין טרוים געבוירן, אין טראַכט אומגעבראַכטע.

# אין שפּעטער אָוונט־שעה

אין שפּעטע אָוונט־שעהן ס'האַרץ ווערט מיד, איינגעצויגן,
כ'מאַך צו מיין טאָגבוך, כ'שליס אויס ס'ליכט אין מיין צימער,
ווי מ'שליסט צו ביי א מת די אייז־קאַלטע אויגן,
און נאָך אַ טאָג פון לעבן האָט ביי מיר אָפּגעזומערט.

אָבער כ'קען נישט איינשלאָפן, ווען וואך איז אין בלינדן דרויסן
דער בלייענער האַרבסט, וואָס באַפּעלט זיינע הפקר־ווינטן
מיין בוים ביים פענצטער די גרינע קרוין אויסטאָן,
כ'זאָל אים טרעפן מאָרגן פרי שוואַרץ־אָפּגעשונדן.

מיין פּאַלמע־בוים אין צימער בעט מיט ציטערדיקע בלעטער
אַרויסיאָגן די נאַכט, ס'ליכט אין צימער אומקערן.
דער בוים איז א זעגל פון דיין גורל־שיף אין געוויטער,
זאָל זיין דיין פענצטער אים אין קאַמף א לאַמטערן.

ס'צעוויכערט געשטאַלט פון בוים מאָלט בילדער וואָס דערמאָנען
לעצטן גרויל־געפּאָך פון געבראָכענע אָדלער־פליגל;
צעפלויגענע האָר־קרוין פון ווײַ־צעוויגטע מאַמעס
איבער שוואַרצע אַש־פעלדער פון פארברענטע וויגן.

באַגין איז דער בוים א באַגרינגער האַרט געשטאַנען,
די גרוי־אַנטבלויזטע קרוין אין אָרעאָל פון האַרבסטיקער זון.
מיין פּאַלמע־בוים האָט געבראָכן די ענגע פענצטער־ראַמען,
מיינע טרוימען ווי צווייט דעם נאַקעטן בוים אָנצוטאָן.

אָ, נאַרישע פּאַלמע, כ'קען מיט צאַרטקייט דיין קרוין.
צי קענסטו פארשטיין דען דעם סוד פון אמתן ליכט? —
כאָטש דער בוים ביז לעצטן בלעטל האָט אָפּגעזומערט שוין,
אָבער כ'בין אים מער מקנא די זון וואָס ער טראָגט אין זיך.

## די שוואַרצע אויגן פון אמאָל

כ'בלאָנקע אום א גאַנצע נאַכט אין טיפסטן טאָל,
ווי צווישן קוסטן מיט שווערע ביטערע טרויבן.
מיר דאַכט, אויף מיר קוקט דער ווייטער אמאָל
מיט פיל שוואַרצע, ברייט־אויפגעריסענע אויגן.

אוי, די אויגן די שטילע, ווער קען זיי נישט, ווער?
כ'האָב זיי ווי מיין אייגן האַרץ געקענט,
ווען זיי האָבן געשיינט מיט אַ באַהאַלטענער טרער,
ווען זיי האָבן מיט ליבשאַפט ווי שייטערס געברענט.

די אויגן האָבן געזען אַזויפיל פינצטערן גרויל,
פאַרטרונקען מיט טרערן, מיט פיין פאַרביסן:
ווער האָט געקענט מיט נאַכטישע קנוילן
אַזעלכע מענטשלעכע אויגן פאַרשליסן?

כאָטש דאָס פייער פון נאַכט האָט זיי ער ליכט פאַרצויגן.
אַז נישט געבליבן איז פון זייער זיין דער נאָמען,
פיל איך דעם הייסן בליק פון די אויגן,
וואָס קוקט פון יעדן קוסט, פון אַלע נאַכט־בלומען.

ווען דער מאָרגן־פרי וועקט די וועלט מיט זונען־שיין,
כ'פרוו אויפשטייגן פון נאַכטישן טאָל,
שפיר איך נאָך אַלץ דעם טערפקע ווייַן
פון די שוואַרצע טרויבן פון היימישן אמאָל.

## מיין לאָגל פון פּיין

מיין לאָגל איז נישט געקנאָטן פון ערדישן ליים,
פון וועלכער מען קלעפּט אלטע ווענט, מען באַקט רויטע ציגל,
נאָר פון בלוט און פון אַש און פון קינדער־געוויין,
וואָס הייליק נקמה־פייער האָט אויסגעטיגלט.

ער איז מיין הייליקער לאָמפּ פון זכרון,
אין אים זאָמל איך פייער פאַר לעצטן חשבון;
ער איז ביי מיר הייליקער ווי גאָטס פאַלשע קרוין,
וואָס דער געלטזאַק האָט אים שווייג־געלט געגעבן.

## דער לעצטער וואָקזאַל

צום לעבנס־אָפּשטעל ביזן לעצטן וואָקזאַל
קרייצן זיך שליאַכן, שיידן זיך וועגן.
צווישן די וועגן, אין בלינדן געאייל,
לויפט אויך דער שנעלצוג פון מיין לעבן.

נישט געפאָרן כ׳בין קיינמאָל אין וואַגאָן ערשטע קלאַס —
כ׳זאָל דעם וועג נישט פארשלאָפן אויף ווייך געוואנט.
כ׳האָב געוואכט, צו דערפירן מיין לעבנס־באַגאַזש
צו מיין אויסגעטרוימטן גאָלדענעם לאנד.

ס׳ווארטן דאָרט שאָטנס, אלט־באַקאַנטע נעמען,
וואָס האָבן נישט פארענדיקט זייער לעצטן מארש;
זיי וועלן קומען אין זייער סביבה מיך נעמען
און פרעגן מיך שטרענג: ווו דיין באַגאַזש?

און פרעגן מיך טריי: ווו איז די פאָן,
די מאָרגן־בלומען, וואָס מיר האָבן געפלעגט?
לאָמיר גרייטן די רייזע צום לעצטן קאָן,
דעם באַגאַזש שטענדיק גרייטן צום לעצטן וועג.

# אויב דיין הארץ איז אַ לירע

אויב דיין הארץ איז א לירע שפּירעוודיק שאַרף,
רופט זיך אָפּ מיט א ציטער אויף לייכטן ווינטל־באַריר —
פאַר מיין היימלאָז ליד עפן דיין האַרץ,
וואָס זוכט אין וואָגל פון נאכט דיין היימישע טיר.

כ'האָב נישט געפיטערט מיין הונגעריק וואָרט
מיט די שכורע ריחות פון פּאַטשישן וואַלד;
נישט געקרייזט מיט דעם אין ענג־פאַרשלאָסענער ראָד,
עס זאָל נישט קומען צום אָרט שוין א קאַלטס.

אין קוזשניע פון לידער, ווו געדינט האָט הער זיידע,
ווי פּאָדקאָוועס פאַר הערצער כ'האָב געשמידט מיינע גראַמען,
זיי זאָלן קלינגען ווי סערפּן — דערנער הארטע צו שניידן,
און היימיש און טריי ווי אויגן פון א מאַמען.

פראָסט און הארב איז מיין וואָרט ווי פון אמת דער וועג,
טריי און הארט ווי דער רויטארמייאישער שינעל,
וואָס האָט געברויזט ווי א זעגל אין די אָקטאָבער־טעג
ביי וועלטס־מאָרגנדיקע בלוט־הייסע שוועלן.

אויף די שוועלן שלייף איך טריי מיינע פּענען,
ס'וואָלפישע ביים מענטש אויסצושניידן מיט זייער שאַרף
זאָל מיין ליד אין אלע פייערן פון געבורטן גייע ברענען,
אָבער נישט ווערן פארקוילט אין פאַרשלאָסענעם האַרץ.

אויב דיין הארץ איז א פלייט שפּירעוודיק שאַרף,
איז מיין הארץ א באַראַבאַן אין דעם זעלבן אָרקעסטער.
כ'וועל צירן מיין געפּויק מיטן קלאנג פון דיין האַרץ;
אין דיין גורלדיקן מאַרש וועסט מיין טראָט הערן פעסטער.

# מיט „באָרוועסע טריט״

מיט באָרוועסע טריט
כ׳האָב דיין בוך דורכגעשפאַנט,
דערהערט דאָס רוישן פון זאנגען ערב שניט,
דאָס קלאָגן פון ווערבעס איבער טייכן פון לאנד.

כ׳זע דיך וואַכן ביי יזכור־מנורות,
גיסט זיי אונטער פון דיין לאָגל אייגן בלוט.
לאָזט נישט אין ברונעם פון נאכט גיין פארלוירן
דיינע ערשטע פרילינגס־טריט פון גלויבן און מוט.

כ׳הער דעם גערויש פון דיינע פאָנען־פליגל,
דעם געבורט־ווײ פון נייע אויפגעקוואָלענע לידער.
און טרויעריקע ווערבעס איבער קברים זיך וויגן
מיט אָוונט־טענער פון צעבראָכענע פידלען.

ס׳שניידט מיין הארץ דיין שקיעה־ליד,
פארציט מיט פראָסטיקע קוויטן מיינע היימישע שויבן,
און די אָסיענדיקע טענער פון דיין צעוויטיקט געמיט
פאלן אויף מיין וועג פון נישט־דערפילטע שפעטע אָנהויבן.

ליגט דיין בוך פאר מיר אָפן ווי דער לאָמפּ פון זכרון,
כ׳קום זיך שטעלן פאר דעם בוך אויף דער וואך,
ווייל ביי זיין שיין איך דערזע מיינע יאָרן,
זייערע צעבלוטיקטע טריט אויף די פעלדער פון נאכט.

מיט באָרוועסע טריט כ׳האָב דיין בוך דורכגעשפּאַנט,
ווי איבער צעגליטע סטרונעס פון ערד כ׳האָב געטראָטן.
ווייל פון מיר צו דיין הארץ ליגט צעוויטיקט דאָס לאַנד,
ווי א לאָגל א פולער מיט פייער איפגעזאָטן.

ווער וועט אונטערשטעלן א באפליגלטן אָרעם
דעם רופנדן מענטש, וואָס בייגט זיך צום פאַלן?
ווער וועט גרונטפעסטיקן קעגן נאַכט און שטורעם
פון אונדזער הייליקן היכל די לעצטע זיילן?!

קען זיין אין דיין וואלד כ׳בין געקומען צו שפּעט.
לאָז מיך געניסן פון דיין גאָלדענעם שניט.
כאָטש דער וועג אין דיין בוך איז מיט דערנער געבעט,
וועל איך טריי אויף אים שפּאנען מיט באָרוועסע טריט.

## אויף דער גרענעץ

כ׳שטיי אויף דער גרענעץ פון חלום און וואָר
און ווייס נישט ווו ווענדן מיין בלאָנדזשענדן בליק:
צום אומבאקאנטן ראַנד פון אויפגייענדן יאָר,
צי צום היימישן אמאָל אויף צוריק?

צו דער פארמעט-יאָרן פון דער אלטער קאַפּאָטע,
צו מענדעלעס פארהאָרעוועטער קליאַטשע,
וואָס האָט געשלעפּט דעם ליכטיקן וואָגן אין בלאָטע,
די רעדער פון גלויבן מאָזאָליש געקאַטשעט.

צי זעצן זיך רייטן אויף די קאָסמישע שטראַלן —
פארלאָזן דעם בייזן ערדישן נידער;
אויף אומהיימלעכע ספערן זוכן נייע קוואַלן,
פאר נייע ווילד-פרעמדע לידער.

## פאָלקסטימלעכער מאָטיוו

צווישן גרויע פעלדער, אויפן אלטן שליאַך
גרינט א יונג ביימעלע ציטערדיק און שוואַך.
ס׳האָט נאָך נישט קיין בלעטעלעך, רוי איז נאָך דער זוים,
אָבער פון גרינעם הערצעלע שפּאַרט דער מאָרגן־בוים.

קומט א צפון־ווינט און בייגט ס׳ביימל אין זיין זייט:
— כ׳האָב פאַר דיר א פּאַלאַצל פון ריין קרישטאָל געגרייט,
א קרוין פון סאַמע פּערעלעך, ווייס ווי ים־שוים;
וועסט זיין א בת־מלכהלע פון א קינדער־טרוים.

— גלייב אים נישט די שיינע רייד — זאָגט די מאַמע־ערד. —
ס׳איז זיין הארץ קאַלט ווי אייז, ווי א שאַרף פון שווערד.
דאַרפסט קיין קרוין פון פּערעלעך — בלעטעלעך פון אייז.
כ׳וועל דיר געבן זוימעלעך פונעם עץ־הדעת.

קומט א מערב־ווינט און בייגט ס׳ביימל אין זיין זייט:
—כ׳האָב פאַר דיר פון ריינעם גאָלד א קרוין אָנגעגרייט,
פון הימל־זייד א קליידעלע מיט גאָלד־פעדעם באַזוימט;
וועסט זיין א בת־מלכהלע פון א קינדער־טרוים.

— גלייב אים נישט די שיינע רייד — זאָגט די מאַמע־ערד —
ס׳איז זיין האַרץ קאַלט ווי אייז, ווי א פייערווערק.
דאַרפסט קיין קרוין פון פאַלשן גאָלד אין א פרעמדן לאַנד.
א קרוין פון גרינע טרוימעלעך וועט אָנטאָן דיר מיין האַנט.

## דאָס יונגעביימל און די זעג

ס'האָט אָנגעגומען ווער א יונג ביימל ביי דער יונגער טשופרינע
און שארף־שפיציק א בליץ געטאָן מיט דער קאלטער זעג:
— פאר אַ וואַנדער־שטעקן וועסט מיר איצט, ביימל, דינען,
פאר אן אָנשפאר און שוץ קעגן בייזע הינט אין וועג.

— ביסט געקומען — האָט דאָס ביימעלע געזאָגט — מיט דער זעג, מיט דער האַק מיך בעטן,
כ'זאָל א טויטער דיך שיצן פאר בייזע הינט אין דער פרעמד,
נאָר אויב ס'איז מיר באַשערט זיין א שטעקן, וואָס קאָן וועמען רעטן —
איז שיצן יונגע ביימער פאר דיינע אייז־קאלטע הענט.

## אויגן

ווי א בלינדע קאַץ
האָט די נאַכט מיט שאַרפע נעגל
זיך געריסן
צו דעם טויבנשלאַק פון מיין האַרץ.

אירע שוואַרצע פייגל
זענען פּלוצעם אָנגעפלויגן
אויף די גרינע צווייגן
פון מיין בוים.

און אויסגעפּיקט די פאַרבן
פון מיין רעגנבויגן —
די הענגענדיקע בריק
פון מיין נעכטיקן תהום.

כ'האָב געזוכט זיי —
די פאַרלוירענע קאָלירן
פון מיין רעגנבויגן
אין שוואַרצן קויל,
אין רויען שטאָל
און זיי געפונען נאָך
אין מענטשנס אויגן.

## מיין אייגענע ערד

מיין ערד איז די נאַכט ווען איך רו,
כאָטש צעאַקערט דורך אַקערס פון צייט.
כ'שפּאַן איבער איר און איך שפּיר ווי זי ברייט,
ווי זי מאָנט, ווי זי בעט, ווי זי שרייט.

אין דער נידער, אין איר טיפסטן טאָל,
וואקסט א קוסט מיט ווילדע טרויבן.
דורך אים צו מיר רעדט דער נישט ווייטער אַמאָל
מיט שווארצע אַפּלען פון אויפגעריסענע אויגן.

מיט אָפּגרונטישער טיף טוט עמעץ א דערמאַן:
— נישט ריר די ווילדע טרויבן!
זיי זענען פון פלייש אויסגעטאָן,
זיי זענען די נישט פארשלאָסענע אויגן.

אויגן, וואָס גיעזען האָבן א ים פון פּיין,
אויגן פון קינדער געוואָרפן אין פלאַמען —
ציַ קאָן ווער טרינקען פון זיי דעם וויין,
וואָס טוט אויף טויט אלע טויטן פארסמען?

זיי בלאָנדזשען אין דער נאכט ווי פייער־פונקען,
אויפגעטויכטע פון שווערע אשיקע בערג,
ווי שטערן אין הימלען טונקעלע,
ווי אויגן פון א פאַרברענטער ערד.

ווען דער מאָרגנפרי גיסט אָן מיט זיין פארב מיינע שויבן
און מיינע אויגן פארזוכן זיין רויטע שיין,
דערשפּיר איך דעם טערפּקע גלי פון די טרויבן,
און איך בלאָנקע אום ווי שיכור א גאנצן טאָג פון זייער וויין.

## קאָנסט פאַרברענען

פאַרברען מיין ליד
און טו זיין אַש מיין הארץ אומקערן,
אויב דו קענסט נישט ווען ביסט מיד
פון זיין ניגון יינגער ווערן.

פארלענד מיין ליד,
ווי א ביליקע רעקלאַמע,
אויב עס איז נישט שארפער פון א שניט
און הייסער פון די טרערן פון אַ מאַמען.

צעוואַרף מיין ליד ווי א קאַרטן־שטיבל,
אויב עס איז נישט פון דעם זוניקן ליים;
וו דיין טרוים און ליבע,
קאָנען דאָרט געפינען זייער היים.

## אַ זעונג

ער איז געקומען אין חלום פון מיינע טעג
נאָך אַ לאַנגן וואָגל-וועג —
די האָר צעשויבערט, די אויגן — שטילער ים.
כ׳האָב אים גלייך דערקענט:
ברוך פון אַמסטערדאַם!

אויפגערודערט און פאַרווונדערט
כ׳האָב אויסגערופן: גרויסער גאַסט,
זיי באַגריסט אין מיין יאָרהונדערט.
קומסט פון חרם-לאַנד,
פון געקרייצטן וועג,
צו מיין באַפליגלט לאַנד,
צו מיינע וואונדער-טעג.

נאָר ברוך האָט די שוואַרצע לאָקן אָפּגעשאַרט
פון בלייכן שטערן
און געזאָגט צו מיר דורך טרערן:
געבענטשט זאָל זיין דיין לאַנד,
וואָס האָט צו מיר זיין אויסלייז-רוף געשיקט,
וואָס האָט דעם קנעכט דערהויבן אויף זיין וואונדערשיף
פון פּויזענדיקן לעבן צו אייביקייט פון שטערן.

ווו ס׳האָט מיין שאָטן פון דאָס ניי באַקומען
בלוט און פלייש און ליכט.
נאָר כ׳זע נאָך אומעטום
אַ בלוטיקן מיש-מאַש;

אויף די פעלדער פון דיין צייט
וויינען בערג מיט אַש,

און ערגעץ־ווו א גלאָקן־טורעם
רופט ווידער שוין די נאכט פון קברים —
איז ווו פון בלוט די מאָס,
פון צייט דער דין־וחשבון,
צי קערן אום זיך שאָטנס,
אויסגעשפיגענע פון לעבן?

זיי, מיין פריינד, געזעגנט —
עס וואַרט אויף מיר די וונדערלעכע שיף,
איך פלי צו שטורעמען דאָס קיניגרייך פון גאָט,
וואָס האָט פאר אונדז פארבאָרגן זיין פאראט.

# די לוויה

צום אָנדענק פון בערל מאַרק

ווען צום לעצטן ראַנד עס האָט זיך געהויבן זיין מיטה
און דער ווינט האָט אויף וואָלקן־קישעלעך געטראָגן זיין נאָמען,
האָבן ווי שאַרפן פון מעסערס די רגעס פון שיידונג געשניטן,
מיט ציטער דאָס מלכות פון טויט דורכגענומען.

די אַקסלען, וואָס האָבן צום לעצטן שלאָף פאַרוויגט דעם אָרון,
האָבן שוין געטראָגן די שווערסטע שטיינער פון צייט.
איצט טראָגן זיי אים, ווי ס׳איינענע בינטל יאָרן,
וואָס איז ווי ברוכוואַרג איבער וועגן צעשפּרייט.

פון אָרון אַרויס איכה־טייכן רוישן העכסטן,
און דער לאָגל פון פיין ווערט אַלץ שווערער און פולער —
פון אַלע ערדישע כלים דער שווערסטער —
ווי אין אים זאָלן ליגן איינגעוויקלט אונדזער גרויסע פּיין־מגילה.

עס קומען אַנטקעגן די הייליקע שטיינער
צו האַלטן די ערן־וואַך ביי דער קבורה
און זיין לעצטע רו באַשיינען
מיט די יזכור־מנורות פון זיינע מיפּולע יאָרן.

אויף די קברים־פּליטן, ווי אויף הייליקע טישן,
זענען צעשטעלט די יידישע אותיות — בעכערס מיט לויטערסטע איילן —
אַרום זיצן קדושים און ער צווישן,
כדי אַלע דורות די געשיכטע פון ליידן דערציילן.

## י. ל. פּרץ

יונגע, האַרבע ווינטן פון פּוילישע אַפּרילן —
אומרו־גייסטער פון אונדזער וואַכן זכרון —
אויף צעוואָרפענע ביינער ווי אויף שופרות שפּילן
און וועקן געגנשער קברים.

אַ נעפּל צאַפּלט דורך ס׳טויטע פעלד האַלבע נאַכט,
ס׳ציטערט אויף די לופט, ס׳טויטע אייז נעמט רירן,
ווי די מאַמע־ערד עפנט איר הייליקע טראַכט,
צעשפּאַרט דער אוהל־פּרץ די טויט־געקאָוועטע טירן.

ווי געליטערטע גלעקער רוישן אויף קאַלטע ביינער,
פילן אָן מיט געקלאַנג די טויטע שטאָט געגנש *).
יצחק־לייב וועקט פון שלאָף זיינע נאָענטע פעך־שכנים:
— שטייט אויף, ברידער, צו חצות, לעבודת המענטש!

דאָס האָבן האַרבע, יונגע ווינטן מיך אַרויסגערופן
אין שליחות פון נייע פּוילישע אַפּרילן:
היינט איז דיין יום־טוב און מיר זענען באַרופן
דיינע ביינער ווי בעכער מיט ווייַן אָנפילן.

אַ פּראָצעסיע האַלבע נאַכט שפּאַנט איבער שטאָט,
ביינער קלאַפּן אויס טריט פון שופטים אין מאַרש;
ווינטן־עדות שאַלן אויף שטעכיקן דראָט,
שפּילן אויס דעם אומרו פון פּרצעס האַרץ.

---

*) געגנשער בית־עולם.

זיי שפּאַנען אין אוישוויץ פון חדר צו חדר,
זוכן די ירושה פון דער גאָלדענער קייט.
בלייבן שטיין ביי אַ בערגל — אַ וויסטע עקדה,
ווי וואָל אָנגעוואַלגערט פון געקוילעטע שאָף.

דאָס זענען די נייטאָרינס גרוי־געוואָרענע צעפּ —
צי האָט דער טויט געקאָנט זייער ליד באַזיגן?!
ווי אַ גאָלדענער פאָדעם איז אין מיין האַרץ איינגעשטעפּט
זייער צאַרטער ניגון.

עס שרייען אַלטע שיך, שטיוול און קאַלאָשן
מיט וויי־צעעפּנטע מיילער פון אַ לעדערנעם באַרג.
שרייען אויף זייער היימישן לשון
פון לאַנג־פאַרשוונדענעם מאַרק.

וו זענט איר, מוטיקע וועבער? קומט צום לעבן אַרויס
אַ גרויזאַמע פאָן פון משפּט צו וועבן!
פון האַריקן באַרג אַ פאָן וועבט אויס —
צו טראָגן זי איבער ערד צום לעצטן חשבון.

יצחק־לייב הייבט אויף זיין וואָלקן־בליק,
ווי אַ פאָטער ער דערקענט זיינע לייבלעכע קינדער,
אומגעקערטע פון שווערע שלאַכטן צוריק,
די מנורה פון זיין האַרץ ווידער אָנצינדן.

דער נעמיראָווער צדיק, דערהויבן, געבענטשט
מיט שבת־יום־טוב־ליכט אין זיינע אויגן — צוויי בעבער.
הייבט צום הימל אויף זיין גראַנאַט לעבודת המענטש,
ווי די ריינסטע תפילה, און אפשר נאָך העכער!

און סאַמע מיט — די יידישע מאַדאָנע —
איר בלוי קלייד — הוילע קריעה נאָך אַלע פאַרשניטענע
מאַמעס —
יעדער קאָן זיין שוועסטער אין איר געזיכט דערקענען,
זיין פאַרלוירענע ליבע אין די צאָרן־פלאַמען.

איבער דעם פייער זי הייבט איר קינד —
דעם נביאס וויזיע־רויז:
ווען דער לייב מיט דעם שעפּס וועלן גיין צוזאַמען
און דאָס קינד פון שלום וועט שפּאַנען פאָרויס.

ווען ניי־וואַרשע צעצינדט די שויבן
אין העלן קאַיאָר פון טיף צעשפּאַרטע הייבן,
פלאַטערט אַ ווייסער וואָלקן פון צעפלויגענע טויבן,
ווי אַ פאָן איבערן דענקמאָל־היכל,

און דער יונגער ווינט פון פוילישן אַפּריל
טראָגט אַרום איבער דער ערד פרצעס חלום,
און איבער די צעוואָרפענע ביינער, ווי אויף שופרות צעשפּילט,
רופט אויף דעם מענטש לעבודת השלום.

# שלום־עליכם

דו שמייכלסט צו אונדז דורך פּופּציקיאָריקער נאַכט פון קברים,
ווי אַ זוניקער שטערן, וואָס אייזבערג פון צייט צעשפּאַלט.
אין שפּיגעלעך טרערן פון דיין צעשמייכלטער גבורה
מיר זעען אונדזער נעכטן אין זיין קריפּל־געשטאַלט.

קרומגעהויקערטע הייזקעס מיט הונגעריק־בלינדע שויבן
זיך פיטערן ווי שאָף אין טרערן־טאָל פון בטחון.
איבער זיי שוועבן זיינע שמייכלען ווי בשורות־טויבן
און זאָגן אַ גוטן יום־טוב אין אייביק שווערן אינדערוואָכן.

עס באַגריסן דיך אין מיין שטוב דיינע צעשמייכלטע ספרים,
וואָס האָט ווי ביימער מאָזאָליש געפּלאַנצט און געפּלעגט.
זיי טראָגן דיר אַקעגן אַ ברייטן עליכם השלום:
זיי באַגריסט, גרויסער גאַסט, אין די באַנייטע טעג!

די מאַמע־יידיש אין דיין שמייכל, ווי אין אַ זיידן שטערנטיכל,
צעשטעלט די יום־טוב־כלים מיטן אַלטן היימישן מאכל:
— דער קנאָבל־באָרשטש, פינקלט, זידט ווי אַ הייסער וויכער,
ווייל אַ בלוטיקע טרער זיך שלאָגט מיט אַ ליבן שמייכל.

מנחם־מענדל זיך שיידט מיט דער וואַנדער־קאַפּאָטע,
די צעפלויגענע פּאָלעס פאַרביטן אויף פליגל פון שטאָל;
ער זוכט נישט מער דאָס רענדל ס׳איינגעטונקענע אין בלאָטע,
נישט דאָס ברויט אויף ווינטמילן פון שווינדל געמאָלט.

טביה שפּרינגט אַריין מיט געבריאַזג פון געפּעס,
די מילכיקע חלומות צו דער סעודה וועט ער קאָכן.

ווי די זון צו אים שמייכלט דער קעז
פון דער מילך געמאָלקן ביים באָק פון בטחון.

אין טאַנץ זיך דרייען זיינע זיבן שיר־השירימדיקע טעכטער,
וואָס האָבן דיין שמייכל צעשפּרייט איך אַלע ערדישע שפּראַכן.
ווי דונערס ערב רעגן האָבן זייערע געלעכטערס
אָנגעזאָגט אַ גרינעם יום־טוב אויף אַלטע פאַרמעט־שליאַכן.

ווען דיין שמייכל איז ווי אַ געשאָכטענע טויב
געבליבן הענגען פאַרגליווערט אויף די שטעכלס פון דראָט,
וואָס האָבן געשפּיזט ווי שוואַרצע נעגל אין רויב,
און געוואָלט אים דערטרינקען אין ימים פון בלוט —

האָבן דיינע שיר־השירימדיקע טעכטער אָנגעטאָן אין פייער
געשפּאַנט אויף די פראָנט־וועגן פון דער גאָרער וועלט,
און געטראָגן דיין שמייכל אויף צו שטילן די ווייען,
ווען ס'האָט באַלזאַם פאַר וונדן פאַרפעלט.

היינט טראָגן מיר מיט שטאָלץ דיין צעמייכלטע גבורה —
דיין גרויסע ירושה — אונדזער ליכטיק פאַרמעג —
און שפּאַנען מיט איר דורך נאַכט און דורך שטורעם
צעשמעלצן די אייז־בערג פון אונדזערע טעג.

## אָקטאָבער

מײַן פֿאָלק געקומען איז פֿון באַרג סיני צו דײַנע באַריקאַדן,
װי אַ שטײן אין בוזעם געבראַכט דעם פּײַן־געשרײ פֿון דורות,
דו זאָלסט אים באַהעפֿטן מיט דײַנע פֿלאַם־קאַסקאַדן,
װי נײַע לוחות מיט בלוט געשריבן זענען געװוירן.

אין דײַנע טעג, װי אין פֿײַער געליטערטע שפּיגלען,
האָט מײַן פֿאָלק זײַן נײַעם גורל, זײַן אױסלײז דערקענט,
דערזען זײַן לײַב מיט װוּנדן נאָך אױסגעריסענע פֿליגל,
װי גריבער אין דער ערד נאָך דעמבעס אױסגעברענט.

דו האָסט דײַנע לוחות פֿון פֿאַרמעטענעם הימל באַפֿרײַט,
פֿון גאָט, װאָס האָט מיט פֿײַערדיקע בליצן און דונערדיקן געבריים
אין שאָפֿן־פֿעל פֿון פּתדנות זײַן געבײַן פֿאַרנײַט
און זײַנע שטאָלצע הערנער — שפּיזן שופֿרדיק אױסגעקרומט.

דו האָסט די האַרטקײט פֿון שטאָל אומגעקערט זײַן האַנט,
די דערנער אין זײַן האַרץ — פֿאַרביטן אױף פֿײַער־בלומען
און אין דײַן העלער שטערן־קרױן פֿון גרױסן ברידער־פֿאַרבאַנד
האָט אױך אױפֿגעבליצט זײַן ייִדישער נאָמען.

װען מיר שטײען שױן גרױהאָריק בײַם ראָד פֿון שקיעה־שװעלן
און דער װײַטער װיכער פֿון נעכטן פֿלעכט װידער די דערנער־
קרױן ––
קומען זיך צונױף, װי סאָלדאַטן, מײַנע ערשטע טעג צום אַפּעל,
און זײ רופֿן צו גאָרער װעלט: די שװערסטע פּײַן האָט געלױנט...

ווייל געקומען איז מיין פאָלק צו דיינע טעג פון אַ לאַנגן מדבר־וועג
און צוגעפאַלן צו זיי ווי צו ברונעמער־קוואַלן מיט פאַרברענטער
צונג —
בויגן מיר היינט די גרויהאָריקע קעפּ פאַר יענע טעג,
וואָס טראָגן אין די אינגעווײדן פון גרויסן פייער דעם בראשיתדיקן
פונק.

דעם פונק, וואָס צינדט די אויוונס אַלע פון דיין לאַנד,
כדי צו שמעלצן אין דיין פרילינג די לעצטע אייז־קריע
און דאָס ברויט זאָל אויפגיין ווי די זון ביים מאָרגן־ראַנד
און זעטיקן דאָס לאַנד אין זיין אייביק פליען.

געהויקערט איז געווען דיין פּופּציקיאָריקער וועג —
טאָ לאָז נישט מערער צו אויף אים קיין קרומע גענג,
כדי עס זאָל דיין יום־טוב־הימל בלייבן אומבאַפלעקט
און עס זאָלן אין דיינע ברונעמער זיך נישט פלאָדיען מער
קיין שלענג.

## זי און איך

כ׳בין געווען דאַן אַ זעלנער, געהאַלטן זיך גרויס,
מיט כלי־זין ביי די זייטן.
איר קערפּער האָט געשיצט אַ דין קליידעלע בלויז
מיט בונטע פאַרביקע קווייטן.

נאָר אירע אויגן האָבן פאַרמאָגט אַזאַ פייער־ליכט,
ווי צוויי בליציקע פיילן,
און איך בין אין איין גריבעלע חן פון איר געזיכט
אונטערגעשאָסן געפאַלן.

דאַן האָט זי געלאַכט, די יונגע מרשעת:
— ביסט געפאַנגען, מיין העלדיש ביקל;
וועסט הענגען ביי מיר אויפן עץ־הדעת,
אויף אַ זיס כישוף־שטריקל.

כ׳האָב איר געדינט זיבן גאַנצע יאָר,
ביזן ערשטן זילבער־שטראַל פון מיין עלטער.
דאַן האָט זי געזאָגט: איצט, ברודער, פאָר!
כ׳דאַרף דערוויל נאָך נישט קיין אייזקעלטער...

## אומגעריכט

אומגעריכט כ׳בין היינט געפאַלן אַ קרבן
פון צוויי אויגן — בריליאַנטענע קיידאַנעס.
זיי האָבן אין מיין רואיקן שוין האַרץ אָנגעמאַכט אַ חורבן,
כאָטש אין קרייז פון זייער וועלט כ׳בין גאָרנישט פאַראַנען.

כ׳דורשט טרינקען פון איר מויל ווי פון אַ זוניקן בעכער,
כאָטש מיט פאַרדעכטיקן כישוף ס׳שמעקט איר ויין —
קאָן זיין אַ גיהנומדיקע לאַווע פון אַ פאַרברעכער
זיצט פאַרבאָרגן הינטער אירע פערלדיקע ציין.

זי כישופט מיך מיט איר שיין ווי אַ וויטער שטערן,
כ׳בין פאַרשפּיזט אין בלינדן קרייז פון איר שפּרוך —
זעט אויס איך ליב זי טויזנטפאַכיק מערער,
ווי דער, וואָס האָט זי כאָטש איינמאָל פאַרזוכט.

## די שאָף און דער שוחט

(משל)

אויף דר'ערד ליגט געבונדן די שאָף און זי בעט:
— אוי, הימל און ערד, גיט אַן ענטפער מיר, רעדט —
פאַרוואָס קומט מיר שעכטן? פאַר וואָסערע זינד?
צי האָב איך נישט ערלעך מיין פריץ געדינט?

צו מעלקן מיך כ'האָב נישט געשטערט קיין איין מאָל,
צו צייט געלאָזט שערן מיין וואַרעמע וואָל.
וואָס וויל מען נאָך מער פון מיין געבעכדיק לעבן
פאַר שאָלעכץ אַ ביסל וואָס ווערט מיר געגעבן? —

ער רירט נישט דעם שוחט אין שוואַרצן געקליידט,
דער טויט פון זיין באָרד און פאות ווייט,
און ס'קוקן די אויגן מיט פראַקטיקן גלאַנץ
פון חלף ביי אים אין דער האַריקער האַנט:

— דו נאַרישער שעפּס, שטערק מיר אויס שוין דיין האַלדז,
אָט האָסטו אַן ענטפער בקיצור אויף אַלץ:
קוים האַלט איך דעם חלף, איז האָב איך דאָס רעכט,
איז מאַך איך די ברכה און — שעכט!

## די ערד און דער לאָקאָמאָטיוו

צווײ בליציקע אויגן אײנגעביסן גיריק אין דער נאַכט,
לויפט ער בײכיק צעשפּאַרט מיט בלינדן פײער פון פאַרציקונג,
שלינגט דורשטיק די וויאָרסטן אויף זײן שטאָלענעם שליאַך,
ווי שוואַרץ-קינסטלער פײער-לענטעס אין צירקן.

די אויגן שפּאַרן בײ אים אַרויס פון סאַמע שטאָלענעם בויך,
נאָר ער קוקט בלויז פאַר זיך,
שפּײט דעם הימל אין געזיכט שוואַרצע קנוילן רויך
און דריגעט די מאַמע-ערד מיט זײנע שטאָלענע שיך.

— לײמענער גולם! צעוואַלגערטער ריז! —
הודזשעט ער בײז-שפּאָטיש פון ערדישן אַרום.
ליגסט אַ געקאָוועטע שקלאַפין צו מײנע פיס;
ווען מײן שטאָל און פײער האָט ס׳וואָרט, שווײגסטו קברימדיק
שטום.

פאַר מיר איז אָפן יעדע שטאָט, ווי אַ נײער רעגנבויגן,
מיך באַגריסט מען מיט בלומען, מען געזעגנט מיט טרערן;
ווען ס׳לעשט זיך דער הימל אין מײן רויך פאַרצויגן,
שײנען אויף מײנע אויגן ווי העלסטער מאָרגנשטערן.

די ערד הערט זיך רואיק אײן מיט גוטמוטיקן שמײכל —
ווי דאָס זשומען פון אַ פליג איז פאַר איר דאָס הודזשען
פון לאָקאָמאָטײו
וואָס בלאָזט און טשאַדעט און פּאַטשט זיך אין בײכל:
אפשר דרך-ארץ אים לערנען טאָן אַ פּרוווו? — — —

דער לאָקאָמאָטיוו — אַ צערייצטער — פּרוווט פון שליאַך
אָפּקערן,
ווייל צערייסן די ערד, פון איר נידער אַנטלויפן
און מיט בלינדן גלויבן אין זיין הויכן שטערן
ער פאַלט נעבעך אין אָפּגרונט פון בראָכוואַרג אַ גרוי הויפל.

# טאָג=גראַמען

## כשר, צי טריף

פסקנט מיין שאלה, כ׳מוז עס איצט וויסן:
צי כשר, צי טריף איז מיין אינגעוויד.
כ׳שפּאַן מיר רואיק מיט מיין מילכיק געוויסן
אין אונדזער פולבלוטיקער, פליישיקער צייט.

האָט אַ פריינד מיך גענומען אויף זיין קלוגשאַפט=צאָן —
נישט איינבייסן ר׳האָט געקענט די אייזערנע נוס:
— זאָג, ליבער פריינד, וואָס איז דיין טאָן,
וועל איך זאָגן דיר כשר, צי טריפה דו ביסט.

— כ׳טראָג נישט קיין שטיינער, קיין פיילן, קיין שווערד;
כ׳האַלט ריין מיין געוויסן מיט מילכיקער זייף.
— אויב טראָגסט נישט קיין פייער צו מאַכן כשר די ערד,
מוז איך האַרב זאָגן, אַז דיין לעבן איז טריף...

## ביינאַכט

מ׳זאָגט, ביינאַכט זענען אַלע בלומען שוואַרץ,
צוזאַמען מיטן טאָג אַלע פאַרבן אַנטרינען.
אָבער דאָס איז נישט שייך צו אַ וואַכנדיק האַרץ,
וואָס געפינט אויך ביינאַכט אַ פענצטער צום באַגינען.

ערגער איז בייטאָג, ווען די פאַרבן אַנטרינען,
כאָטש די זון פלייצט מיט רעגנבויגנדיקן ליכט;
ווי אַ לויטערער שפיגל העלט דער מאָרגן באַגינען,
נאָר דו געפינסט נישט אין דעם דיין אייגן געזיכט.

## צו וואָס?

צו וואָס געבוירן לידער און ווערן פאַרברענט,
צוויילן די שוועל פון לעצטן ראַנד?
כ'פּרוו צומאָל וואַרפן אין פייער די פּען,
קערט זי דאָס פייער אום צוריק אין דער האַנט.

— זאָג מיר, פרעגט אַ פריינד,
פון וואַנען נעמט זיך דיין וויי?
— אוי, דאָס ליד, דאָס אמתע, וואָס כ'קען נישט געבוירן,
און גליט אין מיינע ציין ווי אַ שטום געשריי.

# אינהאַלט


| | זייט |
|---|---|
| דערינערונג | 9 |
| אין דער „דעפּע“ | 10 |
| ערשטער מאַי אין תפיסה | 11 |
| דער אינוואַליד און די מויבן | 12 |
| ווי אַזוי | 14 |
| מיין היימלאַנד | 15 |
| דריי אוצרות | 16 |
| מיין היים בין איך אַליין | 18 |
| אויפן וועג פון מיין זכרון | 20 |
| באַפרייטע מערדער | 23 |
| די שופטים טראַכטן | 25 |
| זיין לעצטער וועג | 26 |
| טרעבלינקער שטיינער | 29 |
| שפּילט, קלעזמאָרים | 30 |
| אין שפּעטער אָונט־שעה | 32 |
| די שוואַרצע אויגן פון אַמאָל | 33 |
| מיין לאָגל פון פּיין | 34 |
| דער לעצטער וואָקזאַל | 35 |
| אויב דיין האַרץ איז אַ לירע | 36 |
| מיט „באָרוועסע טריט“ | 37 |
| אויף דער גרענעץ | 39 |
| פאָלקסטימלעכער מאָטיוו | 40 |
| דאָס יונגע ביימל און די זעג | 41 |
| אויגן | 42 |
| מיין אייגענע ערד | 43 |
| קאָנסט פאַרברענען | 44 |
| אַ זעונג | 45 |
| די לוויה | 47 |
| י. ל. פּרץ | 48 |
| שלום־עליכם | 51 |
| אָקטאָבער | 53 |
| זי און איך | 55 |
| אומגעריכט | 56 |
| די שאָף און דער שוחט | 57 |
| די ערד און דער לאָקאָמאָטיוו | 58 |
| כשר צי טריף | 60 |
| ביינאַכט | 61 |
| וואָס? | 62 |